**גוט שבת אלע אידן.** ווען הרב שמחה קאפלן א רב פון צפת, איז געווען א בחור, האט ער געלערנט אין דער מירער ישיבה אין פוילען. אין יענע יארן, פלעגן בחורים איינשטייען ביי משפחות אין שטעטל, ווייל דעמאלט איז נישט איינגעפירט געווען אז א ישיבה זאל האבן א דארמעטורי. איין ערב שבת אינדערפרי, האט שמחה געהערט ווי די בעלת הבית זאגט צו איר מאן, "צו דען גייסטו צו דעם נעקסטען שטעטל בעפאר שבת?"

ווען אירע מאן האט געענפערט אז יא, האט זי געזאגט צו אים, "דו זאלסט זיך איילן, און מאכן זיכער צו זיין דא צוריק פאר חצות. ביטע נעמט קעיר און ענדיג אלעס וואס דו דארפסט טון בעפאר חצות. דו ווייסט ווי וויכטיג עס איז..."

שמחה איז געווארן אביסל איבעראשט צו הערן די ווערטער. די נעקסטע שטעטל איז נישט געווען אזוי ווייט אוועק און עס איז דעמאלט געווען נאך אינדערפרי. פארוואס זאל זי אזוי שטארק זארגן? און פארוואס איז עס געווען אזוי וויכטיג צו ענדיגען אלעס בעפאר חצות?

שמחה איז געווארן נאכמער איבעראשט צו זען ווי די פרוי איז געשטאנען לעבן דעם פענסטער ווארטענדיק ביז איר מאן וועט צוריקקומען. די בעלת הבית האט געהאט א חברתה וואס האט אויך אלעס צוגעהערט און עס זעט אויס אז יענע פרוי איז אויך געווארן נייגעריג פון דעם שמועס צווישן די בעל הבית און איר מאן. צוליב דעם האט יענע חברתה געפרעגט די בעלת הבית פארוואס זי האט זיך טאקע אויפגעפירט אזוי. "וואס זארגסטו אזוי... דיין מאן איז דאך אן ערליכער איד... עס איז נישט מעגליך אז ער וועט צוקומען צו קיין חילול שבת. די נעקסטע שטעטל איז אזוי נאנט, און שבת הייבט זיך נישט אן פאר עטליכע שעהן!" האט יענע געזאגט. די בעלת הבית האט אויסגעלאזט א טיפען אטעם און געזאגט, "לאז מיר דערציילן א מעשה וואס איז געשען עטליכע יארן צוריק..." אלעס האט שמחה צוגעהערט פון דרויסן.

"פאר אסאך יארן נאך די חתונה, האבן מיר נישט זוכה געווען צו קינדער, דאס האט געמאכט אונזער לעבן ביטער שווער. סוף כל סוף האבן מיר ב"ה יא זוכה געווען צו האבן א יונגעל, וואס איז געווען דאס איינציקסטע קינד וואס מען האט געהאט. איין טאג, איז אונזער זון געווארן זייער נישט געזונט. מיר האבן אים געטראגן פון איין דאקטאר צום צווייטן. אבער, קיינער האט אים נישט געקענט העלפן. נאכדעם האב איך אים געברענגט צו פראפעסארען אין ווין, א שטאט וואס איז באקאנט פאר אירע גרויסע דאקטוירן. אבער אלע פראפעסארען האבן נישט געגעבן קיין האפענונג אז מיין זון וועט ווערן געזונט. נישט נאר דאס, אבער זיי האבן געהאלטן אז דאס קינד האט נישט געהאט נאך קיין סאך טעג אויף די וועלט.

איך בין ארומגעגאנגען די גאסן אין ווין, וויינענדיק שטילערהייט, גרייטענדיק זיך אהיימצופארן קיין מיר. די טאג וואס איך האב געדארפט פארלאזן ווין, האט א עלטערער איד געזען ווי איך וויין. דער איד האט מיך געפרעגט וואס טוט זיך, און איך האב אים דערציילט דעם טרויעריקען מעשה פון מיין זון. ווען איך האב געענדיגט דעם מעשה, האט דער עלטערער איד געזאגט צו מיר, "אויב דו פארסט צוריק קיין מיר, פארוואס זאלסטו נישט זיך אפשטעלען אויפן וועג אין ראדין? גיי צו דעם חפץ חיים. אפשר וועט זיין ברכה אויפטון." האט דער איד געזאגט צו מיר.

איך בין געווען אזוי צובראכן, אז איך בין גרייט געווען צו טון אלעס נאר אז מיין קינד זאל ווערן געזונט. חוץ דעם, האב איך געהערט אז דער ח"ח איז טאקע א בעל מופת. מיט א צובראכענע הארץ בין איך טאקע געפארן קיין ראדין צו באזוכן דעם צדיק. דעמאלט, איז דער ח"ח שוין געווען אלט און שוואך, און זיין משפחה האבן פרובירט נישט צו לאזן קיין מענטשן צוקומען צו אים. אבער, ווען זיי האבן געהערט מיין מצב, האבן זיי מיר סוף כל סוף אריינגעלאזט.

איך האב זייער שטארק געוויינט פארן ח"ח. ער האט מיך געזאגט, "וואס קען איך טון... איך בין אן אלטער מענטש... ווען איך בין געווען יונג, האב איך געהאט דעם כח צו פאסטען פאר די חולי ישראל. היינט... קען איך עס שוין נישט טון..."

ווען איך האב געהערט די ווערטער, האב איך אנגעהויבן צו וויינען נאך שטערקער ווייל איך האב געזען אז עס איז נישט דא געווען קיין האפענונג. איך בין געשטאנען דארט און געוויינט, קיינער האט מיך נישט געקענט בארוהיגן. באלד איז געקומען איינער און ער האט דערציילט אין דעם ח"ח'ס אויער, וועגן מיין ריזיגען צער, ווייל דער קראנק קינד איז געווען אונזער איינציקסטער קינד וכו'.

דער ח"ח האט זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט און געזאגט מיט א פעסטקייט, "איך געב דיר צוויי קבלות... אויב דו ביסט גרייט צו מקבל זיין ביידע, זאג איך דיר צו אז דיין זון וועט האבן א רפואה שלימה."

איך האב געזאגט צום ח"ח "איך בין מסכים צו טון אלעס וואס דער רבי וועט הייסן..." איך האב דערווארט אז דער ח"ח וועט פארלאנגען פון מיר צו פאסטען אדער אנצונעמען סגופים וכו'. איך האב געווארט אומגעדולדיג ביז דער ח"ח וועט מיך שוין זאגן די צוויי זאכן. ווען ער האט מיך עס געזאגט, האב איך זיך זייער שטארק געוואונדערט...

פאר מיר גיין דערציילן וואס דער ח"ח האט געזאגט צו יענער פרוי, לאמיר אביסל שמועסן וועגן עניינים אין דעם מעשה וואס האבן א שייכות צו דער פרשה. די הייליגע תורה דערציילט אנהייב פרשה ווי דער אייבערשטער איז געקומען מבקר חולה זיין אברהם אבינו, וואס איז געווען דעמאלט אין דעם דריטן טאג נאך די ברית מילה. דער מעם לעז ברענגט אז די עבודה פון א איד איז "הדבק במדותיו" מען מוז זיך צוקלעבן צום אייבערשטען'ס מידות. פונקט אזוי ווי דער אייבערשטער האט מקיים געווען די מצוה פון ביקור חולים ביי אברהם אבינו, מוז מען אויך זיך מטריח זיין צו באזוכן חולים, ל"ע. זאגט דער מעם לעז ווייטער, אז איינער וואס קומט צו באזוכן א חולה, ל"ע, מוז ער אויך דאווענען פאר דעם חולה'ס רפואה שלימה, און טאמער ער דאווענט נישט, האט ער נישט מקיים געווען די מצוה ווי עס דארף צו זיין. אפילו מען קען נישט גיין פערזענליך צו באזוכן א חולה, קען מען אים העלפן מיט תפילה. און כעין זה האט דער חפץ חיים זי"ע געטון.

"די ערשטע זאך וואס דו דארפסט מקבל זיין אויף זיך איז, אז דו מוזט צוזאגן צו לייגן די שבתדיגע טישטעך און די לייכטער אויפן טיש ערב שבת בעפאר חצות היום." איך בין בארוהיגט געווארן, די ערשטע זאך האט נישט אויסגעהערט צו זיין אזוי שווער צו מקיים זיין.

"די צווייטע זאך איז..." האט דער ח"ח אנגעהויבן צו זאגן ווייטער, "אז פון דעם רגע וואס די לעכט מוזן אנגעצינדען ווערן, זאל קיינער פון דיין משפחה נישט טון קיין מלאכה!"

"אודאי האב איך גלייך מסכים געווען." האט די פרוי געזאגט. "שפעטער ווען איך בין אהיימגעקומען האט מיין מאן אויך מסכים געווען צו די תנאים. און עס האט נישט גענומען לאנג ביז אונזער זון איז געזונט געווארן... די דאקטוירן אין ווין האבן נישט געגלייבט וואס איז געשען. וועגן דעם בין איך אזוי מקפיד צו ענדיגן אלעס ווי פריער ערב שבת." **גוט שבת אלע אידן.**